פּרייז 25 גראשען XV יאָהרגאַנג ·ער „Należytość pocztowa uiszczona gotówką" „Radomer-Kielcer Leben" 19 (717) היינט 10 זייטען

Radom, dnia 13-go Maja 1938 r.
ראַדאָם, פרייטאָג י"ב אייר תרצ"ח
טעלעפאָן פון רעדאַקציע 13 - 15

פאַראַווע פאַרבעריי
און כעמישע פּראַלניע
A.
HEMPEL
פאַבריק און צענטראַלע: אַלטע שטאַדט 7
פיליעס:
זשעראָמסקי 1
זשעראָמסקי 21
זשעראָמסקי 59
טראַוגוטאַ 11
קעלנער צו וואַשען צו 15 גר.

# ראַדאָמער-קעלצער לעבען

זונטאג י"ד אייר תרצ"ח (15 מאַי 1938) 1 נ. מ.
צו דער ערשטער שמערצליכער יאָהר-צייט און ענטהילונג פון דער מצבה
פון אונזער ליבע, אונפערגעסליכער מוטער

## דבורה (דאָרא) קאַלקשטיין—זוואַלינסקא

(פון צו הויזע טענענבוים)
קומט פאַר אויפ'ן בית-עלמין אַנ'אַזכרה
אויף וועלכער עס ווערען פערבעטען פריינד און בעקאַנטע
די אין טיפען טרויער-פערבליבענע
קינדער און פאַמיליע

פרייטאָג י"ט אייר תרצ"ח דעם 20 מאַי 1938)
פאַלט אויס די נייַנטע שמערצליכע יאָהר-צייט
פון אונזער געליבטען, אונפערגעסליכען
מאַן און פאַטער

## ר' נתן זיגמאַן ז"ל

אין דעם זעלבען טאָג 10 פריה װעט פאָרקומען אויפ'ן קבר
אַנ'הזכרה אויף וועלכער מיר פערבעטען קרובים, פריינד און בעקאַנטע
די טרויערענדע
פרוי און קינדער.

הננו מביעים את רגשי השתתפותנו בצער הגדול
של מר ירחמיאל גוטמאַן בפות עליו אחותו

## רבקה נ. ע.

המקום ינחם אותו בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.
שמחה דען ורעיתו

דער פאַמיליע נייפעלד
צוליב'ן טויט
פון זייער פרוי און מוטער

## רבקה נ. ע.

דריקען מיר אויס דעם טיפסטען מיטגעפיהל.
שמחה דען און פרוי.

מיר דריקען אויס דעם טיפסטען מיטגעפיהל
דעם ה' ירחמיאל גוטמאַן
און די פאַמיליעס נייפעלד און שטעלמאַן
צוליב'ן טויט פון זייער שוועסטער, מוטער און שוויגער

## רבקה נייפעלד נ. ע.

המקום ינחם אותם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים
פאַמיליע דען

Gdy na dancingu, lub balu chcesz szaleć
I chcesz naprawdę być w dobrym humorze
To musisz tylko w gilzach „WAWEL" palić
Nic ci na humor lepiej nie pomoże.

א מאַטאַר פון 2 1/1 פערד-קראַפט — הערט געזוכט
צווישען געבען קען מען אין רעדאַקציע טעל. 13-15 אדער מינדליך —

ווילט איהר האָבען קלאָרע, זויבערע וועש, נייע גאַרדעראָבעס, שניי-ווייסע פאָרהאַנגען,
גיעט נאָר צו וואַשען און פאַרבען אין דער בעקאַנטער
כעמישער פאַרבעריי און פּראַלניע פון דער ערשטקלאַסיגער פירמע

A. HEMPEL

Centrala Stare Miasto 7 telefon 19 - 70
Filje Zeromskiego 1
Zeromskiego 21
Zeromskiego 59
Traugutta 11

ווער ס'האָט זיך ניט איבערצייגט זאָל פרובען און וועט זיין ענטציקט
פון דער שענער, עסטעטישער און פאַכמענישער ארבייט. ס'ווערט אויך
געוואַשען אויף טריקען — בילינע פרייזען — פינקטליכע אויספיהרונג
קולאַנטע בעהאַנדלונג קומט און איבערצייגט אייך
צענטראַלע: אַלטע שטאַדט 7 אָפיצ. טעל 70 - 19
פיליעס: זשעראָמסקי 1 טראַוגוטאַ 11
זשעראָמסקי 21, זשעראָמסקי 59

בילינג צו וואַשען קאַפעלושען

דעם טיפסטען מיטגעפיהל דריק איך אויס
דער פרוי **לאלא שטעלמאן** און דעם ה׳ **ירחמיאל גוטמאן**
צוליב׳ן טויט פון זייער מוטער און שוויגער

# רבקה נייפעלד נ. ע.

אין זייער געזעלשאפטליכער ארבייט זאלן זיי א טרייסט געפינען.

**בלימה ראטענבערג.**

# דריטע יאהר־צייט פון ערשטן פוילישען מארשאל יוזעף פילסודסקי.

נעכטען דאנערשטאג דעם 12-טען מאי, איז געווען די דריטע יאהר-צייט פון דעם פיהרער פון פאלק און ערשטען מארשאלעק פון פוילען יוזעף פילסודסקי.

אין טאג פון נאציאנאלען טרויער זענען איבעראל געווארען תפילות אין די געבעט - הייזער פון אלע אמונות.

די אזכרות זענען פארגעקומען אין די פריה-מארגען - שעה׳ן. ארום האלב 9 אזייגער זענען אויפן לובלינער - פלאץ (קילינסקיער מארק) געווען פערזאמעלט פארשטעהער פון דער מאכט און פיעל געזעלשאפטליכע ארגאניזאציעס. עס זענען אנגעצינדען געווארען פייערן פארן בנין פון דער נאצ - דירעקציע, פאר דער געוועזענער-פאבריק און אויפן שטח פון דאדאמער מאחיאס, לעבן - אויס דעם באהן-טאר דורך וועלכען דער ארון פון מארשאל פילסודסקי איז דורכגעפאהרען פון ווארשא קיין קראקא.

דעם סיגנאל צו די טרויער-פייער־ליכקייטען האבען געגעבען די סירענעס פון די פייערלעשער און פון די נעהמער-פאבריק.

ווען די קירכען-גלאקען האבען אנגע-הויבען קלינגען, האט געהערשט א דריי-מינוטיגע שטילשווייגען. מ׳האט זיך אפגעשטעלט דער גאסען-פערקעהר און דאן איז אויף 8 ערטער געלייגט געווארען אויסצוגען פון פילסודסקי׳ס ווערק.

• • •

אין שוהל איז געווען פערזאמעלט א גרויסער עולם אויף דער אזכרה. ס׳איז געקומען די גאנצע שול - יוגענד און פראם. אלחנן סיגער האט גערעדט אין פויליש וועגען דער היסטארישער ראלע פון מארשאל פילסודסקי.

הרב סיטענבוים האט געזאגט עט־ליכע קאפיטלען תהלים און דער בית-מדרש-חזן ישראל קופער האט געמאכט אנ׳אל מלא רחמים.

ביי דער פייערליכע אזכרה זענען אנוועזענד געווען אין שוהל צוויי אפי־צירען אלס פארשטעהער פון דער מי־ליטערישער מאכט.




דעם טיפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס
אונזער חשוב׳ען חיבער - פרעזעס ר׳ **ירחמיאל גוטמאן**
און אונזער מיטגליד **משה נייפעלד**
צוליב׳ן טויט פון זייער פרוי און שוועסטער

## רבקה נייפעלד נ. ע.

המקום ינחם אותם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים

**די חברה קדישה**
אין ראדאם

# יודישע פרוי אראבגעפאלען פון בוידעם צושפאלטען דעם מוח און געשטארבען.

רחל ראזענבוים פון מירעצקי 8 איז אראבגעפאלען פון בוידעם טראגענדיג א פעקעל אין האנד. אין א געוויסען מאמענט האט זי זיך א וואקעל געטוהן און אראבגעפאלען פון די שטיגען. זי האט בעקומען א שטארקען קלאפ אין מוח און מ׳האט זי אין א שווערען צו־שטאנד איבערגעפיהרט אין שפיטאל, וואו זי איז אין א פאר שעה ארום געשטארבען.

# לאקאטארען מוזען פערלאזען דאס הויז, וואס האלט ביי איינפאלען.

די בוי-קאמיסיע ביים מאגיסטראט האט פארארדנעט די איינוואוהנער פון זאמילנע 9 צו פערלאזען דאס הויז, וואס געפינט זיך אין א סכנה צוזאמענ־פאלען. די איינוואוהנער האבען געמוזט ארויס פון די דירות און זיי לעבען א גאנצע וואך אונטער פרייען הימעל.

די לאקאטארען וואונדערן פאר זייער הויזווירט, אז ער טראגט די שולד פון זייער היימלאזיגקייט, ווייל ער האט פערנאכלעסיגט דאס הויז, ניט דורכ־פיהרענדיג קיינמאהל דעם קלענסטען רע־מאנט. איצט געפינט זיך דאס הויז אין א-רואינירטען צושטאנד, אזוי, אז מען מוז עס אומקערען און דערנאך ערשט אויפבויען עס. דערווייל האבען פער־לוירען א רייהע פאמיליעס דעם דאך איבער דעם קאפ.

# וואשט אייער וועש און גארדעראב אין דער איינציגער יודישער כעמישער פראלניע.

ווילסט האבען ריינע, ציכטיגע וועש גארדעראב און פוטערוואר, גנדענק פון דער איינציגער יודישער כעמישער פראלניע פון **מ. טייכמאן, ראדאם** זשעראמסקיעגא 22. נאר אין דער פראלניע קענסטו האבען סאלידע און פינקטליכע ארבייט. קומט און איבער־צייגט אייך.

ווער ס׳האט נאר איינמאל ביי אונז געוואשען, יענע טוען זיין וועש-גארדעראב אין א 2 טע פראלניע נים אפגעבען. 5

■■■■■■

**דם טיפסטען מיטגעפיהל דריק איך אויס**
מיין גוטען פריינד **ירחמיאל גוטמאן** און פאמיליע
צוליב׳ן טויט פון זיין שוועסטער

## רבקה נייפעלד נ. ע.

המקום ינחם אותו בתוך שאר אבלי ציון וירושלים

**יצחק ביאלסקי.**

**Wyrazy szczerego współczucia**
**naszej członkini zarządu p.** Loli Sztelmanowej
**z powodu zgonu matki Jej**
**B. P.** RYWKI NAJFELD
**składa**
Zarząd Domu Sierot i Starców
w Radomiu

# 20 זל. טעגליך און מעהר

צו פערדינען ביי א גאנגבארער ארטיקעל. פעהיגע יונגעלייט און פרייליינס
קענען זיך מעלדען מענטשליק זשעראמסקי 2 צימער 3.

מיר גראטולירען הערצליך
דעם ה׳ **אלי טענענבוים** מיט זיין פרוי
צו דער חתונה פון זייער זוהן **סאלאמאן** מיט פרייל **פראניע קויפמאן**
דעם יונגען פאר א גליקליכען צוקונפט
און די עלטערן פיעל נחת
**שמחה ווייך** און פרוי

# בעקאנטמאכונג

דער געוו. מיטאינהאבער פון דער דרוקעריי "רעקארד" דוד שיינבוים
האט
איינגעארדנעט זיין **נייע דרוקעריי**
אויף זשעראמסקי 21
אלערליי דרוק ארבייטן ווערען אויסגעפיהרט כאליר, פינקטליך און ביליג

# אַרבייטסלאָזע-דעלעגאַציע אין סטאַראָסטווא און מאַגיסטראַט.

אַ גרופּע פאַרזאַמעלטע אַרבייטסלאָזע פאַרן לאָקאַל פון דער עקספּאָזיטור פון „פאָנדוש פּראַצי" האָט זיך אָפּגעקלאַפּט אין דער סטאַראָסטוואָ וואו אַ דעלעגאַציע האָט פאַרגעשטעלט די שווערע סיטואַציע אין וועלכער ס׳געפינען זיך די אַרבייטסלאָזע.

פון דאָרט זענען די אַרבייטסלאָזע אַוועק צום מאַגיסטראַט. דאָ איז די דעלעגאַציע אויפגענומען געוואָרען פון פּרעזידענט גושטשעשנאַוואָסקי און וויצע-פּרעזידענט ראַדאָמסקי.

פּרעזידענט גושטשעשנאַוואָסקי האָט זיך געווענדעט טעלעפאָניש צום קעלצער וואָיעוואָדע ד״ר דושאַדאָש מער וועגן ער האָט פאָרגעשטעלט די געשפּאַנטע סיטואַציע, בעטענדיג דערביי אַנטקעגנצוקומען מיט הילף די ראַדאָמער אַרבייטסלאָזע.

דער וואָיעוואָדע האָט צוגעזאָגט צו בעטראַכטען דעם ענין און צו טוהן אַלץ בכדי צו בעזייטיגען די אַרבייטסלאָזע אויפן ראַדאָמער שטח.

Wytw. Wyrobów Cukierniczych

p. t. „Americanka"

L. Wajsbrodt Rynek 16.

מאַכט בעקאַנט דאָס ג. פּובליקום, אַז אין די פון ניי-יאָהר געעפענטע

צוקערניע און היגיענישע בעקעריי

רינעק 16 אין געהעלב רינעק 14

און אין דער יוד. צוקערניע „אַמעריקאַנקאַ" מיראַאוגוסטאַ 62

בעקומט מען יעדען טאָג פריש און פיין געבעקס צו ביליגע פּרייזען.

פאַרשידענע געשמאַקע טשאַסטעס פון דער פיינסטער קוואַליטעט צו 15 גר.

ס׳איז צו בעקומען שטענדיג פאַרטען מאַרציפּאַנאָווע פון 1.50 אָן

אַלץ ווערט אויסגעאַרבייט דורך אַ פאַכמאַן מיט אַ לאַנגיעהריגע פּראַקטיק.

אַלע מינים געבעקסען ווי לוקסען, בילקעלעך, משאַססעס, וואַפלעס, הער-באַמבּניקעס, טאָרטען, באַקאַלאַס דעסערטאָיע, לעקעך, פאַרשידענע קרעמען, מינדאַלאָווע אַרטיקלען און פּרייטאָג — חלות

עס ווערן אויך אָנגענומען בעשטעלונגען אויף שמחות, בעלער, קאָנצערטען שאָקאָלאַד פון פאַרשידענע פירמעס אין פּריכטען צו ביליגע פּרייזען.

POLECA:

Lustra

Szkła szlifowane

Szyby

SZYBOSZLIF
RADOM
Żeromskiego 20

Telefon 23-20

Gelateria Italiana

M. Chiamulera S-ka

w Radomiu, Żeromskiego 18

poleca doskonałe lody
w różnych gatunkach

Najlepsze, najmilsze i najtańsze prezenty dla rodziny i przyjaciół
to

kuchenki, żelazka
grzejniki do rurek
poduszki i inne

Do nabycia na dogodnych warunkach
w Radomskim Towarzystwie Elektrycznym
Sp. Akc. w Radomiu
ul. Traugutta 53

# ראדאמער קאמארניק פערארטיילט אויף א יאהר תפיסה.

דינסטאָג איז דורכן היגען קרייז-געריכט בעהאַנדעלט געוואָרען דער פּראָצעס פון געוועזענעם ראַדאָמער קאָמאָרניק יוזעף קאָנקאָלעווסקי.

קאָנקאָלעווסקי איז בעשולדיקט געוועזען, אַז אין דער צייט, פון 1933 ביז 1936 האָט ער אַלס ראַדאָמער קאָמאָרניק: 1) פאַרהאַלטען פאַרשידענע סומעס פון 4 טאָג ביז 3 יאָהר, וועלכע ער האָט בעדאַרפט אויסצאָהלען פאַרשידענע מענשען, 2) געפעלשט די דאַטעס פון בעקומען די סומעס, וועלכע ער האָט בעדאַרפט באַלד אויסצאָהלען. אַזוי צום ביישפּיל, ווען ער האָט אין מערץ 1935 בעקומען 600 גילדען באַלד אויסצוצאָהלען די מאַהגער, האָט ער די סומע איינגעשריבען אין זיינע ביכער נאָך עטליכע מאָנאַטען און דאַן צוגעמערטען אויסציצאָהלען די מענשען, צו וועלכע דאָס געלד האָט געהערט.

דער דריטער פּונקט פון דער בעשולדיגונג איז, אַז קאָנקאָלעווסקי האָט אַליין צעטיילט צווישען די בעל-חובות דאָס בעקומענע געלד און דאָס האָט גאָר געהערט צו דער קאָמפּעטענץ פון שטאָט-געריכט.

יוזעף קאָנקאָלעווסקי ערקלערט, אַז ער האָט איבערגענומען די קאַנצעלאַריע פון קאָמאָרניק סטופּניצקי מיט חובות איבער 4000 גילדען, וואָס ער האָט געמוזט אויסגלייכען און דעריבער האָט ער אַזוי געהאַנדעלט.

צום פּראָצעס זענען אַרויסגערופען געוואָרען 13 עדות, צווישען וועלכע עס האָבען זיך געפונען ריכטער פון קרייז און שטאָט-געריכט אין ראַדאָם, ווי אויך קאָמאָרניקעס און געריכט׳ס-בעאַמטע.

דאָס עדות זאָגען איז אויסגעפאַלען בעלאַסטענד פאַרן בעשולדיקטען.

דאָס געריכט האָט קאָנקאָלעווסקי פאַר-אורטיילט אויף 1 יאָהר תפיסה, אויף 300 זל. שטראָף און אויף פאַרלירען די בירגערליכע רעכט אויף 3 יאָהר.

די תפיסה-שטראָף איז איהם אָפּגעלעגט געוואָרען אויף 2 יאָהר. אַר.

# געשאפען א פאטראנאט ביים „ארט".

קאָמוניקאַט.

ביי דער געזעלשאַפט „אָרט" אין ראַדאָם איז געשאַפען געוואָרען אַ פּאַט-ראָנאַט, אין וועלכען ס׳געהען אַריין פאָרשטעהער פון אַלע אָרגאַניזאַציעס.

דער פּאַטראָנאַט האָט פון זיך אויסגע-טיילט אַ עקזעקוטיווע פון 7 פּערזאָהן.

צום אָנהויב פון דער אַקטיוו האָט פּרוי בלימה ראָטענבערג געשאָנקען 100 זל.

# סימולירט א רויב אנפאל.

אַ געוויסער יאָסעל צוקער פון פּשיטיק האָט זיך געווענדעט צו דער פּאָליציי און געמאָלדען, אַז אויפן וועג קיין ראַדאָם, אין דער געגענד פון פּושעבור, איז ער בעפאַלען געוואָרען דורך דריי פאַרשווינען, וועלכע האָבען ביי איהם צוגערויבט 1405 זל.

די פּאָליצייאישע אויספאָרשונג האָט פעסטגעשטעלט, אַז ס׳איז נישט געווען קיין אָנפאַל. נאָר צוקער האָט דאָס אויסגעטראַכט, בכדי צו ציהען דערפון מאַטעריעלע נוצען.

צוקער וועט האָבען אַ פּראָצעס פאַר פאַלש אינפאָרמירען דער פּאָליציי.

LEKARZE-DENTYŚCI

J. i L. Berkowiczowie

przeprowadzili się

na ul. Żeromskiego 22 tel. 27-26

i przyjmują 10—1 4—7

Kino ADRIA

Do niedzieli dnia 15 maja r. b.

Wspaniały podwójny program

Potężny dramat sumienia ludzkiego

„WINOWAJCA"

w rol. gł. Pierre Blanchar

2

Wiedeńska komedia muzyczna p. t.

„NARZECZONA z PRZYPADKU"

W rol. gł. Gusti Huber, Hans Moser, Theo Lingen

Kino ADRIA

שבת דעם 14 1 און 3 אַז
זונטאָג דעם 15 1 און 3 אז.

פריהמאָרגען - פילמען

Piękny polski film p: t.

„KRÓLOWA PRZEDMIEŚCIA"

W rol. gł. Grossówna, Zabczyński, Sielański Nad program: Dodatki

